גוט שבת אלע אידן. פון דער טאג וואס ער איז געבוירען איז ר' יצחק מיטעלמאן געווען א גליקליכער איד. ער איז געווען א תלמיד חכם, א גביר און ער איז געווען באוואוסט פאר זיין העכערע מדריגות אין יראת שמים. ער האט געהאט פונף זין וואס זענען געווען חשובע יונגעלייט. ער איז אויך געווען א ריזיגע בעל צדקה, ער האט געגעבן טויזנטע דאלארס פאר צדקה. מען האט געזאגט אויף אים אז ער האט געהאט מיליונען אין שווייצע באנקען, און פון דעם געלט האט ער געשטיצט אלע מיני צוועקן. אבער די מצוה וואס ר' יצחק האט זיך שטאלצירט איז געווען צו זיין א חזן אין די ימים נוראים.

איין טאג אין מיטן חודש תשרי נאכדעם וואס ר' יצחק האט געדאווענט פארן עמוד די ימים נוראים אזוי ווי יעדעס יאר, איז ער נעבאך נסתלק געווארן ביי די אכציג יאר. ווען די שבעה האט זיך געענדיגט, האבן ר' יצחק ע"ה'ס קינדער אנגעהויבן צו ליינען אדורך זייערע טאטע'ס צוואה. ווייל ר' יצחק האט געזאגט צו זיינע קינדער אז נאך זיין פטירה, וועלן די קינדער האבן אלעס וואס זיי דארפן צו חתונה מאכן די אייניקלעך. יעצט, נאכדעם וואס ר' יצחק איז טאקע נפטר געווארן, האבן זיי נישט געהאט קיין השגה וואו די צוואה איז געליגן. זיי האבן מורא געהאט אז די באנקן וועלן איבערנעמען דעם געלט ווייל עס וועט זיין הפקר. נאך א שטיק צייט האבן זיי זיך מיישב געווען אז לכאורה האט זייער טאטע ר' יצחק גענומען א לויער, און לכאורה וועט דער לויער זיך אנרופן באלד וועגן זייערע טאטע'ס נכסים. אבער די שלושים האט זיך געענדיגט, און קיין לויער האט נישט גערופן.

טעג און וואכן און חדשים זענען פארבייגעגאנגען, און זיי האבן גארנישט געהערט פון קיינער וועגן זייער טאטען'ס געלט. עס איז געקומען חודש אלול. די ימים נוראים האבן זיך דערנענטערט, ר' יצחק'ס עלסטער זון, א יונגערמאן ישראל האט גענומען טראכטן וועגן זיין טאטען, דער שליח ציבור פאר אזוי סאך יארן. ר' יצחק ע"ה האט געהאט א מנהג יעדען ערב ראש השנה, אז ער פלעגט טיילן געלט אין ענוועלאפס צו זיינע קינדער. יענע יאר, וואס איז אויסגעקומען די לעצטע יאר פון זיין טאטע'ס לעבן, איז ישראל געגאנגען צו זיין טאטען נעמען זיין ענוועלאפ. ר' יצחק האט געגעבן דעם ענוועלאפ מיט דעם געלט צו ר' ישראל. ר' יצחק האט געוואלט געבן א צווייטן ענוועלאפ צו זיין זון און ער האט עס געלאזט אויפן טיש, זאגענדיק צו זיין זון אז ער זאל נעמען דעם צווייטען ענוועלאפ אויך. ישראל איז געווען אזוי שטארק פאריאגט ערב ר"ה, אז ער האט שנעל גענומען דעם צווייטען ענוועלאפ און ער האט עס געלייגט ערגעץ אין א לעדל אין זיין טאטען'ס הויז און ער האט פארגעסן דערפון.

יעצט כמעט א יאר שפעטער האט ער זיך דערמאנט וועגן דעם צווייטען ענוועלאפ. אפשר האט יענער צווייטע ענוועלאפ געהאט עפעס א רמז צו דער צוואה. ר' ישראל האט איבערגעדרייט זיין טאטע'ס הויז זוכענדיג דעם צווייטן ענוועלאפ. סוף כל סוף האט ער עס געטראפן. אין דעם ענוועלאפ האט זיין טאטע ע"ה געשריבן אז ער ווייסט נישט אויב ער וועט דערלעבן די יאר, דערפאר האט ער געוואלט בעטן אז טאמער ער וועט טאקע נישט דערלעבן די יאר, זאל ר' ישראל איבערנעמען זיין טאטען'ס פלאץ ביים עמוד, צו זיין דעם שליח ציבור אין יענע שול פאר די ימים נוראים.

ר' ישראל האט נישט געוואוסט וואס צו טון. וויאזוי וועט ער קענען זיין דער ממלא מקום פון זיין חשובן טאטע וואס האט געדאווענט פארן עמוד עטליכע פופציג יאר! אבער, זיינע ספיקות זענען פארענטפערט געווארן ווען ער האט באקומען א טעלעפאן קאל א שטיק צייט דערנאך. דער געטרייער גבאי ר' זרח האט גערופן ר' ישראל אויב ער קען דאווענען פארן עמוד די הייליגע טעג אין דעם שול. ווייל, באמת האט דער גבאי באשטעלט א באקאנטען בעל תפילה, אבער יענער האט אין די לעצטע מינוט גערופן צו זאגן אז אר קען נישט קומען דאווענען דארט, ווייל מען האט אים גערופן פון א צווייטען שול אין צפת וכו'. בקיצור, דער גבאי האט שטארק געבעטן אז ר' ישראל זאל טאקע מסכים זיין צו ווערן דער נייע בעל תפילה.

ר' ישראל האט עס טאקע אנגענומען אלץ א סימן אז ער זאל טאקע דאווענען פארן עמוד, חוץ דעם וואס ער האט געקענט טאקע מקיים זיין דורך דעם די מצוה פון כיבוד אב. וועגן דעם האט ער מסכים געווען. באלד דערנאך איז ר' ישראל אריבערגעגאנגען אין שול צו רעדן מיט דעם גבאי ר' זרח.

ר' זרח האט פארגעשטעלט צו ר' ישראל זיין טאטע'ס אלטען שטענדער. באמת האבן אלע שטענדערס אין יענע שול געהערט צו דעם שול, נאר, מענטשן האבן זיי געדינגען (אזוי ווי די שענקלעך ביי אונז). ר' ישראל האט באמת נישט געדארפט יענע שטענדער. אבער, כדי צו ווייזן ווי חשוב זיין טאטע איז אין זיין אויגן, האט ר' ישראל געזאגט צו ר' זרח אז ער וויל גראדע דעם שטענדער.

ר' זרח האט איבערגעגעבן דעם קליינעם שליסל צו ר' ישראל. מיט א שאקלדיגע הענט האט ר' ישראל געעפענט זיין טאטע ע"ה'ס שטענדער, נישט וויסענדיג וואס ער וועט טרעפן...

פאר מיר גייען ענדיגען דעם מעשה, לאמיר אביסל רעדן וועגן די מצוה פון כיבוד אב. עס שטייט אין פסוק אין די וואכעדיגע פרשה "שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך, וכו'" זאגט דער מדרש, "שכל מי שנוטל עצה מן הזקנים אינו נכשל," (מדרש רבה פרשה ג סימן ח) – איינער וואס פרעגט זיין טאטען אן עצה, וועט ער קיינמאל נישט נכשל ווערן! מען זעט פונעם מעשה, אז דאס ענין איז שייך אפילו נאך א טאטע'ס הסתלקות, ל"ע. ד"ה, איינער וואס פירט זיך אויף אזוי ווי זיין ערליכע אבות, וועט קיינמאל נישט נכשל ווערן! יעצט לאמיר ענדיגן דעם מעשה...

ר' ישראל האט געעפענט דעם שטענדער און ער האט געטראפן דארט פאפירען וואס אויף זיי איז געשריבן געווען אלע זיין טאטע'ס חשבונות אין געלט זאכן! ר' ישראל האט ב"ה סוף כל סוף געטראפן וואס זיי האבן געזוכט! יעצט וועלן זיי אלע קענען ב"ה חתונה מאכן די קינדער מיט מנוחת הנפש. און אלעס איז געווען אין די זכות פון כיבוד אב. **גוט שבת אלע אידן.**

לע"נ ר' יעקב בן ר' נפתלי ע"ה

**נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל**

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362-3234